ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## י"א אייר תשס"ה

## פרשת בהר

*טייערע קינדער שלוחים,*
*א גוטן ערב שבת. געדענקסטו די טעג פאר דיין ברודער'ס בר מצוה, אדער דיין שוועסטער'ס חתונה? קענסטו געדענקן די וואך פאר דיין יום הולדת אדער פאר א ספעציעלע טאג? מען ציילט די טעג פון גרויס פרייד. יעדן טאג גרייטן מיר זיך צו די גרויסע שמחה. און יעדן טאג קומט מען איין טאג נענטער.*
*יעצט ציילן מיר יעדן טאג אנצוקומען צום יום טוב פון שבועות. מיט יעדער טאג ווערט אונזער שמחה גרעסער און גרעסער וויסנדיק וואס פאר א הייליקע יום טוב קומט! און יעדן טאג גרייטן מיר זיך צו דעם.*
*לאמיר בעטן אז דעם יאר וועלן מיר אויף דעם הייליקן טאג זיין אין ירושלים מיט משיח צדקנו!!*
*איידלה וועכטער*

## דערציילט מיר א מעשה

מנחם האט אלעמאל געווארט אויף דער רבי'ס פארברענגען אויף שבועות. זיכערווארט יעדער חסיד, אבער ביי מנחם איז דאס געווען ספעציעל, ווייל די טאג נאך שבועות איז געווען זיין יום הולדת, און ער האט אלעמאל געטראכט אויף די כוס של ברכה וואס ער האט באקומעם פון דער רבי נאכן פארברענגען אלס א ספעציעלע מתנה פאר זיין יום הולדת.

איין יאר איז מנחם איז געווען אין זיין נארמאלע פלאץ נאך דעם פארברענגען. ער האט געזונגען ניגונים און איבערגע'חזר'ט די פארברענגען מיט זיין פריינט. ער איז געווען אזוי פארנומען מיט קוקן אויף דער רבי אז ער האט ניט באמערקט ווי די רייע ווערט וויניגער און וויניגער.

פלוצלונג האט ער באמערקט אז דעם לעצטן איד איז דורכגעגאנגען דער רבי און דער רבי האט גענומען זיין סידור:א סימן אז דער רבי גרייט זיך גיין.

מנחם איז געווען זייער אנטוישט. ער האט פארפעלט די ספעציעלע כוס של ברכה! זיין יום הולדת וועט ניט זיין די זעלבע! האט מנחם געטאן עפעס אומגעוויינליך,דעם נעקסטן טאג האט ער געשריבן צום רבי'ן אז ער האט פארפעלט כוס של ברכה און ער וויל וויסן אויב עס איז פאראן א וועג ווי ער קען דאס נאך אלס באקומען.

א קורצע ווײַלע שפעטער איז ר' בנימין קליין אריין אין זאל פון 770 און האט גערופען מנחם. ער האט געזאגט אז ער האט ניט געוואלט אז אנדערע זאלן וויסן, אבער ער האט עפעס פאר אים פון דער רבי.

דער רבי האט אים געשיקט ווין פאר כוס של ברכה!!

*קינדער, זעהט ווי טייער איז יעדער חסיד ביים רבי'ן!!*

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת בהר

מצות שמיטה

אין אנהויב פון היינטיקער פרשה איז די מצוה פון "שביעית" - "ובשנה השביעית **שבת שבתון יהי' לארץ**", אין דעם זיבעטן יאר דארף די ערד רוען, מען טאר ניט קיין "עבודת האדמה" (ערד ארבעט).

ווען אידן האבן געלעבט אין ארץ ישראל, האבן מערסטנס אידן זיך פארנומען מיט ערד ארבעט, פון וועלכער זיי האבן געהאט זייער פרנסה, און אויף דעם זאגט די תורה אז זעקס יאר זאל מען ארבעטן, "**שש שנים תזרע שדך גו'**" אבער דעם זיבעטן יאר דארף מען רוען און מאכן דעם גאנצן יאר א שבת'דיקן יאר.

ערקלערן מפרשים, אז דער טעם פון דער מצוה איז, כדי אז אידן זאלן אפגעבן דעם גאנצן שבת'דיקן יאר, ווען זיי זיינען באפרייט געווארן פון ארבעט, אויף לימוד התורה.

דאס הייסט: טראץ דעם וואס אויך במשך די זעקס יאר ווען מ'איז געווען פארנומען מיט באארבעטן די פעלדער, האט מען אויך באשטימט צייטן יעדן טאג אויף לערנען תורה, פונדעסטוועגן וויל דער אויבערשטער אז פון צייט צו צייט, יעדע זיבן יאר, זאל מען זיך אינגאנצן באפרייען פון ערד ארבעט און די גאנצע פרייע צייט מקדיש זיין צום אויבערשטן, "**שבת לה'**", דורך מוסיף זיין נאך מער אין לימוד התורה. און ניט נאר צוגעבן מער צייט אויף לערנען תורה, נאר אויך אז דאס לערנען אליין זאל זיין בעסער - מיט מער פארשטאנד און מער לעבעדיקייט.

און דערפון לערנט מען אפ, אז צו יעדער צייט ווען מ'האט א ליידיקע מינוט דארף מען עס אנפילן מיט הייליקע זאכן, "שבת לה'".

אין איינפאכע ווערטער: אויך ווען מען געפינט זיך אין חוץ לארץ, וואו ס'איז ניטא די מצוה פון שמיטה, און אפילו אין ארץ ישראל במשך די זעקס יאר ווען מ'מעג זיך יע פארנעמען מיט עבודת האדמה, דארף א איד שטענדיק געדענקען אז דער תכלית פון אלץ איז - "שבת לה'", און דעריבער יעדער פרייע מינוט גיט מען אפ

*(המשך אין עמוד 2)*

#  דעם חסידישן לוח

## י״ד אייר



**פסח שני**

"אוי מאמע!" זאגט רבקה," מיין לערערין האט געזאגט פארן קלאס אז מיר זאלן רופען חנה ווייל זי פילט ניט גוט! עס איז שוין 8 אזייגער און יעצט מוז איך שוין גיין שלאפן! איך האב אזוי געוואלט רופען חנה!"

"זארג זיך ניט רבקה, עס איז קיינמאל ניט צו שפעט. אי"ה מארגן צופרי נאך דו וועסט אויפשטיין וועסטו גלייך רופען חנה. איך בין צופרידן אז דו ווילסט אזוי שטארק טאן א מצוה! און איך בין צופרידן אז דו לערנסט אז עס איז קיינמאל ניט צו שפעט צו טאן א מצוה!!"

נאכדעם וואס די אידן האבן געברענגט דעם קרבן פסח אין מדבר, זיינען געקומען צו משה און אהרן א גרופע פון אידן. "מיר זיינען געווען טמא למת אויף פסח, און האבן ניט געקענט ברענגען דעם קרבן פסח ( ווייל א איד וואס איז געווען טמא למת– איז געווען לעבן א טויטע קערפער– האט ניט געטארט ברענגען דעם קרבן) . 'למה נגרע?' – פארוואס זאלן מיר פארלירן אזא הייליגע מצוה?" משה רבינו האט געפרעגט דער אויבערשטער וואס צו טאן און דער אויבערשטער האט געזאגט אז אויף י"ד אייר קענען די אידן האבן א צווייטע פסח– פסח שני, און ברענגען דעם הייליקן קרבן פסח. דורך זייער געבעט האבן זיי געברענגט פון אויבערשטער א נייע יום טוב. יעדן יאר אויף י"ד אייר עסן מיר מצה, און מיר זאגן ניט די טיילן פון דאווענען וואס ווערן אנגערופען תחנון ווייל פסח שני איז א יום טוב!

וואס לערנען מיר פון דעם? דער רבי שרייבט אין די 'היום יום' פון פסח שני די ווערטער פון דער פריערדיקע רבי, אז די אפלערנונג פון דעם טאג איז אז "עס איז ניטא קיין פארפאלען, מען קען אלעמאל פאריכטן" - עס איז קיינמאל ניט צו שפעט! א איד קען אלעמאל פאריכטן ווען ער האט געטאן ניט ריכטיג אדער פארפעלט צו טאן א גוטע זאך. דער איינציגסטע זאך וואס מוז זיין איז אז דער איד דארף ווילן פאריכטן – פונקט ווי די אידן וואס זיינען געקומען צו משה רבינו מיט זייער טענה אין מדבר. און ווען א איד וויל, וועט דער אויבערשטער אים זיכער העלפן צו געפינען דעם וועג צו טאן די ריכטיגע זאכן. לאמיר מאנען פון דעם אויבערשטער "למה נגרע?"– פארוואס זאלן מיר האבן וויינער? מיר ווילן שוין ברענגען דעם קרבן פסח דעם יאר אין ירושלים!!

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

אויף לערנען תורה.

אין דעם איז פאראן א ספעציעלע הוראה פאר אידישע קינדער: אידישע קינדער באקומען דאך אלע זייער באדערפענישן פון זייערע עלטערן, ווי דער באוואוסטער לשון ( בנוגע צו שבת) **"כל מלאכתך עשוי"** (דיין גאנצע ארבעט איז שוין געטאן געווארן):זיי דארפן ניט טאן קיין ערד ארבעט אדער וועלכע עס איז אנדערע ארבעט פאר פרנסה.

קומט אויס, אז דער אינהאלט פון שמיטה איז פאראן שטענדיק ביי אידישע קינדער, די גאנצע צייט. ביי זיי איז פאראן גאר א סך פרייע צייט וואס זיי קענען און דארפן אפגעבן אויף לערנען תורה און קיום המצוות, צוזאמען מיט דער מצוה פון **"ואהבת לרעך כמוך"**, צו באווירקן זייערע חברים אז אויך זיי זאלן זיין דורכגענומען מיט דעם געדאנק, אז יעדן פרייען מאמענט דארף מען אפגעבן אויף מוסיף זיין אין לימוד התורה און קיום המצוות, מיט לעבעדיקייט און שמחה.

און דורך אזא אויפפירונג איילט מען צו, אין אן אופן פון **"אחישנה"**, די צייט ווען אלע אידן וועלן זיין פריי צו לערנען תורה שטענדיק, ווייל דער אויבערשטער וועט זיי צושטעלן אלע זייערע באדערפענישן, ווי דער רמב"ם שרייבט אין סוף פון זיין ספר, אז ווען משיח וועט קומען וועלן אידן האבן אלע גוטע זאכן אויף א ברייטן אופן ובמילא וועלן זיי זיין גרויסע חכמים וואס וועלן לערנען שטענדיק, ביז די גאנצע וועלט וועט זיין אנגעפילט מיט **"דעה את ה' כמים לים מכסים"**.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער שיחת כ"א אלול תשד"מ)*



## משיח נאו!

די מצוה פון פסח שני איז געקומען פון דעם וואס געוויסע אידן האבן דאס געמאנט. זיי האבן ניט געווארט ביז משה רבינו זאל זיי געבן די מצוה נאר זיי זיינען געגאנגען צו בעטן אויף דעם. און טאקע איז דורך זייער געשריי" געקומען די מצוה. דערפון דארפן מיר לערנען א וויכטיגע הוראה. עס איז אונזער זכות און אחריות צו בעטן און מאנען אויף די גאולה דורך שרייען "עד מתי?!" און טאקע שרייען דאס מיט אן אמת "ווען וועלן מיר האבן די אלע מצוות וואס וועלן נאר זיין אין צייט פון גאולה?" און טאקע דורך אונזער געשריי" וועלן מיר פועלן ביאת משיח צדקינו נאו!




**פארגעסט ניט 13**
**ציילן ספירת העומר!**



**פרקי אבות**
**פרק ג׳**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ט"ז אייר, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת בהר

**1. וועלכע מצוה האבן אידן נאך זיבן יאר אין ארץ ישראל?** ______________

**2. וואס טוען א סך אידן אין ארץ ישראל פאר פרנסה?** _________________

______________________________________________________________

**3. וואס לערנט מען פון די ספעציעלע מצוה ?** _________________________

______________________________________________________________

**4. דארפן אידן אין ארץ ישראל היטן די מצוה אפילו היינט?** _____________

**5. וועלכע קרבן ווערט געברענגט אויף פסח?** _________________________

**6. פארוואס האבן געוויסע אידן ניט געקענט ברענגען דעם קרבן?** ________

______________________________________________________________

**7. וואס האט זיי דער איבערשטער געגעבן?** _________________________

**ווען?** _______________________________________________________

**8. וואס לערנען מיר פון דעם?** _____________________________________

**9. וואס לערנט דאס אונז אין פארבונד מיט דעם געבעט אויף גאולה?** _____

______________________________________________________________

**דער געווינער פון פרשת אמור: __חי' מושקא גראסבוים, 10__**

**נאמען:** _________________________ **ווי אלט:** _____

**אדרעס:** ______________________________________

**אי-מייל :** ____________________________________

# הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org